**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/9/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע האט צוריקגעברענגט כמעט 4.2 מיליאן דאלאר פאר קליענטן אין 2022

***דעפארטמענט'ס אפיס פון קאנסומער סערוויסעס האט געהאלפן אומגעפער 68,000 ניו יארקער מיט יוטיליטי קאמפלעינטס אין 2022***

***אלץ טייל פון נאציאנאלע קליענט באשיצונג וואך, דעטאלירט ניו יארק'ס יוטיליטי פירמע רעגולאטאר וויאזוי עס העלפט ארויס קליענטן דירעקטערהייט***

אלץ טייל פון די נאציאנאלע קליענט באשיצונג וואך, האט גאווערנער קעטי האקול היינט אנאנסירט אז די אפיס פון קאנסומער סערוויסעס (Office of Consumer Services) פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service) – די שטאב ארעם פון די פובליק סערוויס קאמיסיע (Public Service Commission) – האט ארויסגעהאלפן 68,000 ניו יארקע הויזגעזינדער מיט פארשידענע קליענט באשיצונג אנגעלעגנהייטן אין 2022, רעזולטירנדיג אין כמעט 4.2 מיליאן דאלאר וואס די דעפארטמענט האט צוריקגעברענגט פאר קליענטן. היי יאר לויפט די נאציאנאלע קליענט באשיצונג וואך פון מערץ 5 ביז מערץ 11.

"שוואר ארבעטנדע ניו יארקער פארדינען זיך צו ווערן פארגוטיגט ווען זיי ווערן איינגעמאנט צופיל געלט אדער נישט פונקטליכע בילס דורך זייערע יוטיליטי פירמעס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ מיט די באמיאונגען פון מיין אדמיניסטראציע זיך צו אפרופן צו טויזנטע קאמפלעינטס אויף יוטיליטי פירמעס און צוריקברענגען מיליאנען דאלארן פאר ניו יארקע פאמיליעס — האלטנדיג פירמעס פאראנטווארטליך און פארשטערקערנדיג באשיצונגען פאר קליענטן."

די דעפארטמענט'ס אפיס פון קאנסומער סערוויסעס פאלגט נאך די ציפערן און די סארטן קאמפלעינטס וועלכע ווערן ערהאלטן קעגן אלע יוטיליטי פירמעס וועלכע אפערירן אין ניו יארק סטעיט צו זיכער מאכן אז יוטיליטי פירמעס ערפילן זייער פליכט צו צושטעלן עפעקטיווע קאסטומער סערוויס וואס קומט נאך די געזעצן, כללים, רעגולאציעס און פאליסיס. יעדע חודש פארעפנטליכט די אפיס פון קאנסומער סערוויסעס א דעטאלירטע איבערבליק פון קאמפלעינט אקטיוויטעט און פון די גרייטקייט פון די יוטיליטי פירמעס זיך צו אפענטפערן, מיט אינפארמאציע פאר קליענטן און פאר יוטיליטי פירמעס.

**קאמיסיע פארזיצער, רארי מ. קריסטשיען, האט געזאגט,** "די קאמיסיע און די דעפארטמענט זענען קאנצענטרירט אויף צו לייזן יוטיליטי קאמפלעינטס פאר די סטעיט'ס קליענטן און צו זיכער מאכן אז יוטיליטי פירמעס פאלגן אויס קליענט באשיצונג רעגולאציעס. די קאנצענטראציע ערמעגליכט אונז צו פארשטערקן אונזער היסטארישע מיסיע און אונזערע אקטיוויטעטן פאר די גוטס פון די פובליק און עס העלפט זיכער מאכן אז יוטיליטי פירמעס צאלן צוריק פאר קליענטן ווען די יוטיליטי פירמעס מאכן א טעות."

די דעפּארטמענט'ס אפיס פון קאנסומער סערוויסעס פאלגט אויך נאך קאמפּלעינטס קעגן די קאנקורירנדע ענערגיע סערוויסעס פירמעס (energy service companies, ESCOs) וועלכע אפערירן אין ניו יארק.

אין צוגאקב צו איר אנגייענדע פארשונג פון די בילינג פון .Central Hudson Gas & Electric Corp, האט די דעפּארטמענט לעצטנס פארברייטערט איר פארשונג פון New York State Electric & Gas Corp. (NYSEG) און .Rochester Gas and Electric Corp (RG&E) איבער זייערע פּאטענציאלע מיסבאהאנדלונג פון זייערע יוטיליטיס בילינג סיסטעמען און פּראטאקאלן. אלץ טייל פון די פארשונג האט די דעפּארטמענט'ס קליענטן שתדלנות (Consumer Advocate) אפגעהאלטן א סעריע פון פובליק צוזאמקומען אין באטראפענע ראיאנען אין יאנואר און פעברואר פון 2023 צו אויסהערן זארגן פון קליענטן ערשטהאנטיג. די פראבלעמען מיט די בילינג סיסטעמען פון NYSEG און RG&E זענען ארויפגעשווימען אויפן אויבערפלאך ווען די דעפּארטמענט האט אנגעהויבן זעהן א באדייטנדע אויפשטייג אין די צאל קאמפּלעינטס פון זייערע קליענטן.

אלץ דירעקטע רעזולטאט פון די אויפשטייג און קאמפּלעינטס פון קליענטן האבן די דעפּארטמענט שטאב מיטגלידער אנגעהויבן אן איבערבליק און פארשונג אין פארבינדונג צו אן ענדערונג אין די קליענט אינפארמאציע און בילינג סיסטעם פון די פירמעס. די קאמפּלעינטס וועלכע זענען ערהאלטן געווארן דורך די דעפּארטמענט זענען פארשידנארטיג, אנגעהויבן פון אומריכטיגע בילס וועלכע זענען געשיקט געווארן צו קליענטן אדער זייער שפּעטע בילס ווערנדיג געשיקט. אין 2022 איז די צאל קליענט קאמפּלעינטס קעגן די צוויי פירמעס געווארן העכער פון 4,700, זייענדיג 60 פראצענט מער פון די צוויי פריערדיגע יארן צוזאמען.

אין די עניין פון צוגעלייגטע קליענט באשיצונגען וועט די דעפּארטמענט אנהויבן רעגולירן ענערגיע בראָוקערס אין 2023. א געזעץ וואס איז לעצטנס אונטערגעשריבן געווארן וועט פארלאנגען פון מענטשן, פירמעס, אסאָוסיעישענס אדער קארפּארעישענס וועלכע ארבעטן אלץ ענערגיע בראָוקערס אדער קאנסאָלטענטס זיך צו רעגיסטרירן מיט די דעפּארטמענט. אין צוגאב דערצו האט די גאווערנער פארגעשלאגן 200 מיליאן דאלאר אין פארלייכטערונג פאר יוטיליטי בילס פאר ביז אזויפיל ווי 800,000 ניו יארקע הויזגעזינדער וועלכע פארדינען אונטער $75,000 א יאר צו שטיצן די פארברייטערונג פון די קאמיסיע'ס ענערגיע אפּארדעביליטי פאליסי (Energy Affordability Policy) פראגראם אין 2023-2024, נאכן האבנדיג דורכגעפירט היסטארישע קליענט און קליינע ביזנעס חובות פארלייכטערונג אין 2022.

אין צוגאב האט גאווערנער האקול פארגעשלאגן 200 מיליאן דאלאר פאר דעם EmPower Plus פראגראם צו העלפן 20,000 פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט צו מאכן זייערע היימער מער שפּארזאם מיט ענערגיע דורכן צולייגן אינסולעישען, אינסטאלירן ענערגיע-שפּארזאמע אפּלייענסעס און פאר בארעכטיגטע מענטשן – אוייך אריבערגיין פון הייצונג סיסטעמען וואס לויפט אויף נישט שפּארזאמע פאַסיל ברענשטאף צו ריינע, שפּארזאמע עלעקטראנישע אלטערנאטיוון. היימער וועלכע קוואליפיצירן צו ווערן אריבערגעפירט צו עלעקטריציטעט דורך דעם EmPower Plus פראגראם וועלן זיין בארעכטיגט פאר די 'ענערגיע אפּארדעביליטי גאראנטי' (Energy Affordability Guarantee) איינמאל זיי לויפן פולשטענדיג אויף עלעקטריציטעט. די ענערגיע אפּארדעביליטי גאראנטי וועט פארזיכערן אז אנטיילנעמענדע ניו יארקער מיט נידעריגערע איינקונפט צאלן קיינמאל נישט מער פון זעקס פראצענט פון זייער איינקונפט אויף עלעקטריציטעט. צוזאמען וועלן די EmPower Plus און Energy Affordability Guarantee פראגראמען אויסמישן וועטער-צופאסונג און עלעקטריציטעט-אריבערגאנג מאסנאמען, און אזוי אויך באשיצונגען צו די מעגליכקייט זיך צו קענען ערלויבן די בילס, וועלכע וועלן דראמאטיש שניידן

ענערגיע באנוץ, פארמערן היים באקוועמליכקייט און ברענגען באדייטנדע רעדוקציעס אין שעדליכע גאז עמיסיעס.

אלץ טייל פון איר קליענט הילף פראגראמען שטעלט די דעפארטמענט צו פאר קליענטן ברייטע, קלארע אויפקלערונג מאטעריאלן און אנווייזונגען זיי צו העלפן מיטן רעדוצירן זייערע ענערגיע בילס, זיך צוגרייטנדיג פאר די ווינטער'ס און זומער'ס עקסטרעמע קעלט און היץ און לערנענדיג און נוצנדיג זייערע רעכטן אונטער ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע יוטיליטי קליענטן באשיצונג געזעצן: די 'היים ענערגיע יושר'דיגע אויפפירונג געזעץ' (Home Energy Fair Practices Act, HEFPA). דעפארטמענט שטאב מיטגלידער אינפארמירן, קלערן אויף און באפולמעכטיגן קליענטן אויך דורך לעבעדיגע אַוטריטש פרעזענטאציעס איבערן סטעיט, אינהאלטסרייכע קליענטן אויפקלערונג מאטעריאלן און סאָושעל מידיע קליענטן אינפארמאציע קאמפיינען פאר 'ענייני דיומא'.

צו אריינגעבן קליענט קאמפלעינטס קעגן א יוטיליטי פירמע אדער צו באקומען מער אינפארמאציע איבער קליענט סערוויסעס, דרוקט [דא](#) אדער רופט די דעפארטמענט'ס הילף האטליין אויף 800-342-3377, פון מאנטאג ביז פרייטאג, 8:30AM ביז 4:00PM . איר קענט זיך פארבינדן מיט די דעפארטמענט אין שריפט דורכן שרייבן צו די NYS Dept. of Public Service Office of Consumer Services, Three Empire State Plaza, Albany, NY 12223-1350.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418